יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 4 | Łódź, Czwartek, 4 stycznia 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג י"ז טבת תרצ"ד | № 4

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# אנטי-יודישע עקסצעסען אין אונגארן

## יוד. הייזער בעווארפען מיט שטינק-באמבעס

בודאפעשט, 3 (יט"א טעלעגראפיש)

אונגארישע נאציאנאל-סאציאליסטען האבען א ריסוגעזעצ' אנטיסעמיטישע עקסצעסען אין די שטעטלעך זאלגאיסקי און זאלאלאגע, וואו ס'געפונען זיך גרעסערע יודישע קהלות. יודישע הייזער זענען בעווארפען געווארען מיט שטינק-באמבעס. די יודישע דורכגעהער זע'ע מע'הערליך צעשלאגען געווארען. 10 איבערפאלער זענען ארעסטירט געווארען.

האבען לעצטענס אנגאזשירט עטליכע צעהנדליג פראנצויזישע אינזשיניערען. קודם כל ווילען אהין ארויספאהרען ספעציאליסטען פאר אוויאציע.

אזוי האט שוין דער סאוועטישער אוויאטעכנישער אינסטיטוט אנגאזשירט 42 פראנצויזישע אינזשיניערען, וועלכע וועלען פארטרעטען די אוועקגעגבענע דייטשע.

# מאָרגען, פרייטאג

הויבט זיך אן צו דרוקען אין „נייעם פאלקסבלאט"

דער נייער ראמאן

## דער אריער-פאראגראף

וועלכער וועט אין אן אויסערגעוועהנליך שפאנענדער פארם געבען א בונט בילד פון די איבערלעבענישען, וואס עס האבען אדורכגעמאכט א רייהע לאדזער יודען אין דעם פינסטערען מיטעלאלטערליכען היטלער-לאנד.

מיט א פערכאפטען אטעם וועלען די לעזער פונ'ם ראמאן נאכפאלגען דעם לויף פון די געשעהענישען אויף ביידע זייטען גרעניץ פון די שכנ'ישע צוויי לענדער.

די ריהרענדע טראגישע ליבע פון א יונג דייטש קריסטליך מיידעל מיט א לאדזער יודישען יונגערמאן, וואס וועט געשילדערט ווערען אין דעם ראמאן, וועט זיכער פערבלייבען א דאקומענט פון אונזער פערפלאנטערטער, ווילדער צייט!

סענסאציאנעל, שפאנענד אריגינעל

וועט זיין דער נייער ראמאן

„דער אריער-פאראגראף"

אין

„נייעם פאלקסבלאט"

!!!

## מוסאליני'ס אנ'ארטיקעל

רוים, 3 (ספ. טעל.)

„פאפאלא ד'איטאליא" האט פערעפענטליכט אנ'ארטיקעל פון מוסאליני'ן א. נ. „דאס יאהר 1934".

מוסאליני, זאגט ארויס זיין אנשויאונג, אז דער פעלקער-ליגע דראהט דער טויט, אויב זי וועט נישט רעפארמירט ווערען.

לויט זיין מיינונג וועט זיבען די אידעע פון רעפארם. די איטאליענישע פארשלאגען זענען אב סאלוט נישט געווענדעט אין דער ריכטונג פון פערקלענערען די בעדייטונג פון די קליינע מלוכות.

מוסאליני גלויבט נישט אין דער בקרוב'ער סכנה פון א קריג. הגם די אינטערנאציאנאלע לאגע איז נישט קיין זיכערע. די אמאליגע אידעאלאגיעס — מיינט מוסאליני — זענען פערשוואונדען, און אומעטום בעווייזען זיך טענדענצען, וואס זענען נאהענט צום פאשיזם. דאס יאהר 1934 וועט זיין א דעצידירענדער עטאפ פאר דער ענטוויקלונג פון פאשיזם אין דער וועלט.

## דער בירגער-קריג אין כינא

לאנדאן, 3 (ספ. טעל.)

פון שאנכאי איז מען מודיע, אז די פארפאסטענס פון דעם צובונטעוועטען גענע"אל ל וואו-לי'א שאנקאס מיליטער דע"בעה"טע"ע זיך צו פעקין.

דאס דאזיגע מיליטע" וועה"ט געשטיצט דורך יאפאנישע עראפלאנען.

## פראנצויזישע אינזשיניערען אנשטאט דייטשע

בערלין, 3 (ספ. טעל.)

די דייטשע פרעסע איז מודיע, אז די סאוועטען

## פראטעסט פון די פעראייניגטע שטאטען

וואשינגטאן, 3 (ספ. טעל.)

דער מלוכה-סעקרעטער האט בעאויפטראגט דעם אמעריקאנישען אמבאסאדאר אין בערלין צו פראטעסטירען פאר דער דייטשער רעגירונג געגען דעם פערצעגערען דורך דער דייטשער רייכסבאנק דאס אפצאהלען די פראצענטער פאר די אויסלענדישע הלוואות.

## בן-גוריון אנגעקומען קיין א"י

ירושלים, 3 (יט"א טעלעגראפיש)

בן-גוריון איז אנגעקומען קיין ארץ-ישראל נאך א לענגערע"ע רייזע איבער אייראפא.

## אומגעקומען 116 בערג-ארבייטער

### בעת א קאטאסטראפע אין א קויהלען-גרוב

פראג, 3 (ספ. טעל.)

עס האט פאסירט א שרעקליכע קאטאסטראפע אין דעם גרובען פון ברויגע קויהלען, אין דער געגענד פון אויסיג.

לויט ביז איצטיגע השערות זענען אומגעקומען 116 קויהלען-גרעבער, וועלכע עס איז נישט קיין שום האפנונגען אפצוראטעווען.

דער גאנצער קויהלען-גרובען איז חרוב געווארען.

## געשטארבען לארד טשערטשיל

לאנדאן, 3 (ספ. טעל.)

היינט איז דא פלוצים געשטארבען פון א לונגען-ענטצינדונג, אין עלטער פון 69 יאהר, דער לארד טשערטשיל.

דער געשטארבענער וועלכער האט פערנומען א בעדייטענדען ארט אינם ענגלישען באנק-וועזען איז געווען א קרוב פון דעם בעקאנטען פאליטיקער און פארלאמענטאריער, ווינסטאן טשערטשיל.

# יודען! היינט און מארגען — אלע, ווי איין מאן צאהלען מיר די 4-טע ראטע פון דער נאציאנאלער הלוואה!

סטארשי פעלדשער

A. Neumark

האט זיך איבערגעצויגען אויף

פאלודניאווא 28 28

טעלעפאן 46-163

נעמט אן פון 8.30–10 פריה און 2–4 נ.מ.

פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזען

א הערצליכען מזל-טוב

ווינשען מיר אונזער שוועסטערן-זוהן ה' מאניעק בלאכמאן צו זיין ערשטגעבוירענעם זוהן ויזכה לגדלו לתורה לחופה ולמעש"ט

ברודער

אברהם יעקב פלום און פרוי,

שלום פלום און פרוי.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חשוב'ן

פרעזעס

ד"ר נ. ראזען

צוליב'ן טויט פון זיין אינטערגעסליכען

ברודער נ"ע

די פערוואלטונג פון יודישען טורן- און ספארט-פעראיין „בר-כוכבא"

נאך קורצע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 83 יאהר נ"ע

מישע קודליקאווסקא (געב. ריינעס)

מוטער פון אונזער חשוב'ן רבי'ן ר' אליעזר זעלמאן נ"י

צו דער לויה, וועלכע קומט פאר היינט, דאנערשטאג, 1 בייטאג פון טרויער-הויז, קאנסטאנטינער 30, ווערען אלע מתפללים געבעטען צו קומען אפגעבען דער פערשטארבענער דעם לעצטען כבוד.

די גבאים פון דער חברה חיי"טים

21 לאדז, זאכאדניא 42.

